# תורת יואל

גליון מס' 23

אידיש

מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

פרשת משפטים תשפ"ה

## ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם

רש"י: כל מקום שנאמר **אלה** פסל את הראשונים, **ואלה** מוסיף על הראשונים, טייטש: ווי עס שטייט נאר אלה מיינט אז דער פסוק וויל אפהאקן פון פריער, דער פסוק הייבט אן א נייער ענין, אויב אבער שטייט ואלה וויל דער פסוק צולייגן צו די פריערדיגע ענין.

אין די פאריגע פרשה, פרשת יתרו שטייט די **עשרת הדברות**, וואס איז געזאגט געווארן אויפן בארג סיני, קומט דער פסוק **ואלה** - א עקסטערע אות ו' - צו מוסיף זיין און זאגן אז אלע דינים פון פרשת משפטים איז אויך געגעבן אויפן בארג סיני אזוי ווי די **עשרת הדברות**.

איז שווער א קשי', אין פרשת בהר ברענגט רש"י א דרש פון דעם הייליגען תנא ר' עקיבא: **מה שמיטה נאמרו כללותיה ופרטותיה בסיני אף כל התורה כולה נאמרו כללותיה ופרטותיה בסיני**, טייטש: ר' עקיבא האט געדרשנ'ט, אזוי ווי די הלכות שמיטה איז געזאגט געווארן אין סיני מיט אלע פרטי הלכות, אזוי אויך די גאנצע תורה איז געזאגט געווארן אין סיני מיט אלע פרטי הלכות.

פרעגן אלע מפרשים - פארוואס פעלט אויס א עקסטערע אות ו' אין פרשת משפטים צו קענען ארויס לערנען, אז די פרשה איז אויך געגעבן אין סיני אזוי ווי פרשת יתרו, אונז ווייסן שוין אז כל התורה כולה - די גאנצע תורה - איז געגעבן געווארן אויפן בארג סיני, אויב אזוי פארוואס פעלט אויס א עקסטערע אות ו' ביים ערשטן פסוק?

צו פארשטיין די רש"י, ברענגט דער רבי א מדרש ילקוט אין פרשת במדבר, **בשעה שקבלו ישראל את התורה** וגו' דער מדרש זאגט: אז ווען די אידן האבן מקבל געווען די תורה אויף בארג סיני, האבן די גוים מקנה געווען די אידן, האט השי"ת זיי געענטפערט: ברענגט'ס ענקער **יחוס בריון**, פון ווי שטאמען ענק?, און אזוי האט השי"ת פארשטאפט זייערע טענות.

איז שווער צוויי קשיות, איינס פארוואס האבן די גוים מקנה געווען, השי"ת האט דאך ארומגעטראגן די תורה צו אלע גוים און קיינער האט נישט געוואלט איבערנעמען, וואס האבן זיי זיך יעצט דערמאנט, צווייטע קשי' וואס העלפט א יחוס בריון, פארוואס איז קבלת התורה פארבינדען מיט יחוס.

די קשיות פארענטפערט דער רבי מיט א פשט פון זיין טאטן זי"ע, דער הייליגער **קדושת יום טוב**, אויף א פסוק אין תהילים, **מגיד דבריו ליעקב** וגו' **לא עשה כן לכל גוי** וגו' טייטש דער קדיו"ט, אז יעדער מנהיג אין זיין דור קען צולייגן גדרים וסייגים צו די תורה הקדושה, און מתקן זיין תקנות, וואס ס'פעלט זיך אויס פאר דעם דורה, און די נייע תקנות האבן א כח ווי הלכה למשה מסיני, - פיהרט אויס דער קדיו"ט - אז דער כח פון צולייגן תקנות האט נאר א איד, א גוי אבער, האט נאר זיינע שבע מצוות און קען גארנישט צולייגן דערצו

איז דער רבי זי"ע מסביר, פארוואס טאקע נאר א איד קען צולייגן תקנות, ווייל א איד האט השראת השכינה: דער באשעפער רוהט אויף א איד, במילא קען א איד מכוון זיין אל האמת, און ווען א גדול בישראל איז מתקן א נייע תקנה, איז דאס געטוהן מיטן באשעפער'ס הילף, וועגן דעם האבן די תקנות א דין ווי הלכה למשה מסיני, ווידעראום א גוי האט נישט די מעלה, און קען נישט מתקן זיין נייע תקנות, און אויף די מעלה האבן די גוים מקנה געווען בשעת מתן תורה, און צו באקומען די מעלה מוז מען זיין א יחסן, און נאר א איד האט יחוס.

מיט די הייליגע בחינה, איז דער רבי מסביר די רש"י אויף דעם פסוק **ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם**, די תורה האט צוגעלייגט א <u>עקסטערע אות ו'</u> - **ואלה** מוסיף על הראשונים ווייל דאס איז מוסיף אויף די פריערדיגע פרשה, זאגט רש"י הק', **לומר מה הראשונים מסיני, אף אלו מסיני** ווייל פרשת משפטים, שמועסט אויס אלע גדרים וסייגים, וואס די חז"ל האבן צוגעלייגט, און אויך אריינגערעכנט אלע תקנות וואס די גדולי ישראל וועלן מתקן זיין אלע דורות ביז משיח'ס טאג, די תורה וויל אונז מרמז זיין מיט די עקסטערע אות ו', אז אפי' <u>די תקנות זענען אויך געגעבן געווארן אויפן בארג סיני</u>.

## מעשה:

### צדקה וחסד (ו): הזהרו בבני עניים

אין שטאט בודאפעסט - אונגארן, פאר די צווייטע קריג, האט פינקציאנירט זייער א חשוב'ע חברה, מיטן נאמען **הזהרו**. די חברה האבן זיך אפגעגעבן און אויסגעהאלטן קינדער און בחורים פון ארימע שטובעה, אז זיי זאלן האבן די מעגליכקייט צו לערנען אין א ישיבה, און ווי עס פארשטייט זיך האבן זיי געמאכט <u>געלט מסיבות פאר נדיבי עם</u>, צו קענען אנגיין מיט די געלד שטיצע פאר די תלמידי הישיבות.

איינמאל ביי א געלט-מסיבה האבן זיי איינגעלאדענט רביה"ק זי"ע, דער רבי זאל אויפטרעטן אין אנווארעמען דעם ציבור, <u>אז מען זאל שטיצן די חברה מיט גרעסערע סכומים</u>, צו קענען נאכקומען דעם פארלאנג, פארשטייט זיך אז לכבודו פון רבי'ן איז זיך צוזאמען געקומען א גרויסער עולם

דער רבי האט גערעדט דברי תורה, און בתוך הדברים געטייטש, אז דער נאמען **הזהרו** קומט פון דעם מאמר חז"ל **הזהרו בבני עניים שמהם תצא תורה**, דער פשוט'ע פשט איז: גיט אכטונג אויף די בני עניים, ווייל פון די שטובער קומען ארויס גרויסע תלמידי חכמים.

האט דער רבי גערעדט א נייעם טייטש, חז"ל זאגן אונז **הזהיר בנר הויין בנים ת"ח**, טייטש: אז איינער איז רגיל מיט צינדען נר שבת איז דער שכר: **קינדער תלמידי חכמים**, די זעלבע קען מען זאגן **הזהרו בבני עניים**, אז איינער שטיצט תורה און ער איז מחזק בני עניים, איז דער שכר אז ער אליינס וועט האבן **קינדער תלמידי חכמים**.

דער רבי' איז געווען א אומר ועושה, געבעטן און פארלאנגט פון אנדערע, און אליינס מקיים געווען, ער האט געשטיצט תלמידי חכמים, אויף א שטייגערליכער אופן, און אינזינן געהאט אסאך חשוב'ע בני תורה שלא יחסר המזג, ווי איר וועט לייענען אין די קומענדיגע קאפיטלען אי"ה.

עס האט געוואוינט דא אין וויליאמסבורג, א טייערער איד ר' עזריאל יחיאל לאווי ז"ל, שטענדיג געגאנגען נאך געלט פאר אידען'ס וועגן, און ארויסגעהאלפן נצרכים אויף א גרויסן פארנעם, איינמאל רופט אים רביה"ק אין בעט ער זאל צוזאמענשטעלן א סכום **פאר מיין תלמיד**, (הרה"ג ר' יחזקאל ראטה זצ"ל, וואס האט געוואוינט אין קטמון - ירושלים) דער רבי רופט אים אן **<u>מיין תלמיד</u>** און לייגט צו: <u>ער איז א ריכטיגער תלמיד חכם</u>.

מנהג | טעמו | ומקורו

## מנהג:

**עס איז דא וואס פיהרן זיך צו זאגן, ווען מען מאכט א ברכת מעין שלש, נאך ענדיגען על המחיה, לייגט מען צו <u>על הכלכלה זאגט מען נישט</u>.**

**הטעם:** ווייל דער מחבר ברענגט די שיטה אז מען ענדיגט די ברכה על המחיה, אין דער רמ"א ברענגט א שיטה אז מען ענדיגט <u>על המחיה ועל הכלכלה</u>, ממילא כדי יוצא צו זיין ביידע שיטות לייגט מען צו די ווערטער. דער הייליגער שינאווער רב, איז געווען זייער שארף קעגן דעם מנהג, ווייל דער לעצטער אמן ווערט א אמן יתומה.

דער טו"ז (שו"ע או"ח סימן רח, ד"ה וכתב עוד) ברענגט א <u>יש אומרים</u> אז מען זאגט **ונאכל מטובה ונשבע מטובה**, דער ב"ח קריגט און זאגט <u>אין לאומרו</u>, פאר א הסבר אויף די צוויי שיטות, עיין בספה"ק תורת יואל פרשת בשלח, (תורה א').